# באשיצט יעצט אייער קינד קעגן פאליא

## זאל מיין קינד ווערן אימיוניזירט אנטקעגן פאליא?

אלע בעביס זאלן באקומען זייער פאליא אימיוניזאציעס אנגעהויבן ביי די עלטער פון 6 וואכן – 2 מאנאטן אלט פאר די זיכערע באשיצונג קעגן פאליא וואס זיי דארפן. קינדער זאלן באקומען א סך הכל פון דריי דאזעס ביי די צייט וואס זיי זענען 2 יאר אלט, און א פערדע דאזע פאר זיי הייבן אן שולע.

**אויב אייער קינד האט נישט באקומען זייער פאליא אימיוניזאציע(ס), איז נישט אפ-טו-דעיט מיט זייער פאליא אימיוניזאציע סקעדזשול, אדער אויב איר זענט נישט זיכער איבער זייער פאליא אימיוניזאציע סטאטוס, פארבינדט זיך גלייך מיט א העלט קעיר פראוויידער.**

אסאך ניו יארקערס, אריינגערעכנט קינדער, קענען זיין הינטערשטעליג מיט רוטין העלט קעיר באזוכן, און אייער קינד'ס העלט קעיר פראוויידער וועט מאכן זיכער אז אייער קינד באקומט אדער כאפט אויף אויף אלע רעקאמענדירטע דאזעס.

| | פאליא אימיוניזאציע סקעדזשול |
|---|---|
| **דאזע נומער** | **עלטער** |
| 1 | 6 וואכן - 2 מאנאטן אלט |
| 2 | 4 מאנאטן אלט |
| 3 | 6 מאנאטן – 18 מאנאטן אלט |
| 4 | 4 – 6 יאר אלט |

## פארוואס דארף מיין קינד זיין אפ-טו-דעיט מיט זייער פאליא אימיוניזאציעס?

קינדער דארפן אלעמאל באשיצונג קעגן פאליא. אין פאקט, איז אן אפ-טו-דעיט פאליא אימיוניזאציע סקעדזשול א פאדערונג פאר אלע שולע-עלטער קינדער וואס באטייליגן זיך אין פאבליק אדער פריוואטע דעיקעיר אדער שולע אין ניו יארק.

אבער עס איז וויכטיג אז קליינע קינדער באקומען זייערע פאליא אימיוניזאציעס אין צייט, אפילו פאר זיי קענען זיין אין דעיקעיר אדער שולע. קינדער וואס זענען נישט אפ-טו-דעיט מיט זייער פאליא אימיוניזאציעס זענען אין געפאר פון אנטצינדונג און אנטוויקלען ערנסטע קראנקהייט (אריינגערעכנט פאראליזירונג). פאראליזירונג (נישט קענען רירן טיילן פון די קערפער) פאראורזאכט דורך פאליא איז אפט פערמאנענט, פאראורזאכנדיג א לעבנס-לענגליכע דיסאביליטי.

## פארוואס איז פאליא יעצט א ריזיקע פאר מיין קינד?

אום יולי 21, איז א פאל פון פאליא אידענטיפיצירט געווארן ביי א יונגע אומוואקסינירטע ערוואקסענע אין Rockland County. די אינדיווידועל האט געהאט ערנסטע סימפטאמען, אריינגערעכנט פאראליזירונג, און איז געווען האספיטאליזירט. אפפאל וואסער מאניטערן האט יעצט אידענטיפיצירט ציכנס פון פאליא ווירוס אין אפפאל וואסער אין Rockland County, Orange County, Sullivan County און New York City, וואס מיינט אז די ווירוס פארשפרייט זיך שוין מעגליך אין די קאמיוניטיס (ווען אינדיווידועלן ווערן אנטצינדן מיט פאליא, אפילו אויב זיי האבן נישט סיי וועלכע סימפטאמען, לאזן זיי איבער די ווירוס אין זייער סטול). עס איז נישטא קיין היילונג פאר פאליא, אבער איר קענט פארמיידן קראנקהייט פון אייער קינד דורך פארזיכערן אז זיי זענען אפ-טו-דעיט מיט זייערע אימיוניזאציעס.

**סיי וועלכע קינד וואס איז נישט אפ טו דעיט מיט זייער פאליא וואקסינס—ספעציפיש אין די געגנטער וואו די פאליא ווירוס איז געווען אויפגעכאפט—איז ביי די ריזיקע פון ווערן ערנסט קראנק פון פאליא.**

## וואס איז פאליא?

פאליא איז א ערנסטע און לעבנס-דראענדע קראנקהייט. אלס א ווירוס וואס קען אפעקטירן די מח און חוט השדרה, קען פאליא פאראורזאכן פאראליזירונג (נישט קענען רירן טיילן פון די קערפער) און אפילו טויט. דאס מאכט פאליא זייער געפארפול, ספעציעל פאר יונגע קינדער וואס זענען נישט וואקסינירט אדער נישט אפ-טו-דעיט מיט זייער פאליא אימיוניזאציע סקעדזשול.

## וויאזוי ווערט פאליא פארשפרייט?

- פאליא איז זייער אנשטעקיג, און מענטשן קענען פארשפרייטן די ווירוס אפילו אויב זיי האבן נישט סימפטאמען אדער ווייסן אז זיי זענען אנגעשטעקט.
- פאליא פארשפרייט זיך פון מענטש-צו-מענטש דורך בארירונג מיט די ארויסגאנג, ניסט, אדער הוסט טראפלעך פון אן אנגעשטעקטע מענטש.
- דאס קען געשען ווען איינער איז אין נאנטע בארירונג מיט איינער וואס האט פאליא, אזוויי ביים זיך אפגעבן מיט זיי, שפילן מיט זיי, אדער זיך טיילן עסן אדער עסצייג מיט זיי.
- פאר יונגע קינדער, וואס שפילן אפט אדער ווערן אפט געפלעגט אין גרופעס, איז די ריזיקע ספעציעל גרויס. קליינע קינדער קענען אויך מעגליך נישט קענען אנהאלטן מיט וואשן זייערע הענט מיט זייף און וואסער אזוויי ערוואקסענע קענען.
- ניו יארקערס זאלן אויך ווייסן אז אלקאהאל-באזירטע סאניטייזערס נעמען נישט אראפ אלע סארטן באצילן, אריינגערעכנט פאליא.

## וויאזוי קען מיין קינד באקומען די פאליא וואקסין?

אלע קינדער דאקטוירים און פאמיליע העלט קעיר פראוויידערס, אריינגערעכנט העלט קעיר פראוויידערס וואס סערווירן קינדער דורך קליניקס, זאלן האבן די פאליא וואקסין אוועילעבל פאר אייער קינד. פארבינדט זיך מיט א העלט קעיר פראוויידער אדער אייער לאקאלע קאונטי געזונטהייט דעפארטמענט צו באשטעלן זייער פאליא אימיוניזאציעס אפוינטמענט די שנעלסטע וואס שייך.

## וועלכע וואקסין ווערט מיין קינד געאפפערט?

אייער קינד וועט באקומען די אומאקטיוויזירטע פאליא וואקסין (inactivated polio vaccine, IPV), וועלכע איז די איינציגסטע וואקסין אוועילעבל אין די פאראייניגטע שטאטן. IPV איז פארזיכערט און ווירקזאם. IPV באשיצט 99 פון 100 קינדער פון קראנקהייט, אריינגערעכנט פאראליזירונג, וואס באקומען אלע רעקאמענדירטע דאזעס. געגעבן אין סיי וועלכע ארעם אדער די פיס געוואנדן אויף די פאציענט'ס עלטער, איז וויכטיג אז אלע קינדער באקומען אלע רעקאמענדירטע דאזעס פאר די בעסטע באשיצונג מעגליך.

## זענען דא סיי וועלכע זייטיגע ווירקונגען פון די וואקסין?

IPV איז א גוט פעסטגעשטעלטע וואקסין וואס איז זייער פארזיכערט. רוב קינדער האבן נישט קיין שום פראבלעמען דערמיט, און אייער קינד וועט מעגליך נישט באמערקן קיין ענדערונגען נאכן באקומען זייער שאט. אזוויי נאך סיי וועלכע וואקסין, איז אויך מעגליך פאר אייער קינד צו פילן אביסל נישט גוט. צום ביישפיל, קינדער קענען האבן א ווייטיגע פלאץ דארט וואו דער איינשפריץ איז געגעבן געווארן. די סימפטאמען זענען געווענליך מילד און גייען אוועק פון זיך אליין אין אפאר טעג.

## באשטעלט אייער קינד'ס פאליא אימיוניזאציע היינט.

**ווילט ווייסן מער?**

health.ny.gov/polio

New York State Department of Health